307
Goldene keyt (Tel Aviv).
no. 124, 1988.

PERIODICALS ROOM
307 ... Library
...
New York, N.Y. 10027

# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

# 124

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתּדרות הכּללית של העובֿדים בארץ־ישׂראל
תּל־אָבֿיבֿ 1988

ק. צעטניק / תל־אביב

# צוריקוועגס קיין לײַדן

(אַרײַנפיר)

(טייפ־רעקאָרדער:) ל.ס.ד.־באַהאַנדלונג, מיסטער די־נור, אין מײַן קליניק, פּסיכיאַטריע־אָפּטייל, בײַם מלוכישן אוניווער־סיטעט אין לײַדן, דעם 8טן יולי 1976.

איך ליג אין בעט אַ נאַקעטער. בין נאָך מסוגל צו זען דעם מאַסיוו־געבויטן רוקן פון פּראָפעסאָר באַסטיאַנס, וואָס איז זיך מטפל מיטן טייפ־רעקאָרדער לעבן פענצטער. כ'האָב נאָך געקאָנט הערן די ווערטער, די אַרײַנפיר־ווערטער, וואָס איך וועל דערנאָך הערן פון אים איידער איטלעכן ל.ס.ד.־טראַנס.

דער צימער ווו כ'בין געלעגן איז געווען אַ רחבותדיקער. דער פענצטער פאַר מײַנע אויגן האָט זיך נאָך געטונקט אין בין־השמשות־ליכט. אָבער הינטער מײַן בעט איז שוין דער צימער געווען פאַרזונקען אין חושך.

לעבן בעט זענען געשטאַנען אַ פאָטעל און אַ טישל. די קראַנקן־שוועסטער האָט אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש משקה און אַ גלאָז פאַרן פּראָפעסאָר און איז מיט שטילע טריט אַרויס פון צימער. כ'בין געבליבן אַליין אין דער טונקלקייט, איך און פּראָפעסאָר באַסטיאַנס.

כ'האָב נישט געוווסט פאַר וואָס מײַנע קני ציטערן. כאילו אַ פאַרריגלטע עפענונג וואָלט אויפגעפלאַצט און פון די טיפענישן איז אויפגעשטיגן אין מיר, ווי דעמאָלט, די פחדימדיקע כוואַליע. אפשר האָט עס גורם געווען דער צירוף פון צוויי פאַקטן: וואָס מע רופט מיך בײַם נאָמען און וואָס איך ליג דאָ אַ נאַקעטער און וואַרט צו זען אויג־אויף־אויג דעם שוידערלעכסטן פון מײַנע פחדים — די אַנטפּלעקונג פונעם סוד; דער סוד פון מײַנע קאָשמאַרן, וואָס מאַטערן מיך נאַכט פאַר נאַכט, שוין דרײַסיק יאָר.

□

ווען ניקע, מײַן פרוי, האָט זיך דערוווסט וועגן פּראָפעסאָר באַסטיאַנס, דער אַנטפּלעקער פון „קאַצעט־סינדראָם", וואָס היילט די געראַטעוועטע פון די לאַגערן דורך אַ נײַער באַהאַנדלונג מיט ל.ס.ד., איז זי געקומען צו לויפן מיט דער גוטער בשורה.

כ'וועל נישט פאַרגעסן וואָס מײַן פרוי האָט פאַרבאָרגענערהייט געליטן פון מײַנע נאַכטיקע קאָשמאַרן. ווי אין אַ קדחת פלעגן מיך אויפרײַסן פון שלאָף די וואָרגנדיקע געשרייען, אַ געבאָדענער אין שוויס, און ניקע, מיט שרעק און רחמנות אין די אויגן, פלעגט מיט האַנטעכער מיר ווישן דעם שווייס פון מײַנע פחדים.

אַ מאָדנע זאַך, וואָס כ'קען עד־היום נישט פאַרשטיין: ווען כ'בין געשלאָפן בײַ טאָג, האָבן די קאָשמאַרן נישט געהאַט אויף מיר קיין שליטה. דעריבער האָב איך פאַרוואַנדלט די טעג מײַנע אין נעכט און די נעכט אין טעג.

„מײַן טײַערער, ס'איז געקומען אַ סוף צו דײַנע יסורים!.."





... ווי גוט כ'האָב זי פאַרשטאַנען! דער גאַנצער טרויער און ווייטיק, פּײַן און לייד, וואָס זי האָט אין זיך דערשטיקט אַזוי פיל יאָרן, האָבן איצט אויפגעריסן אין שטורעם פון איר פרייד איבער דער ישועה. איך אָבער האָב זי אַרומגענומען און נישט געוווסט ווי אַזוי איר צו דערקלערן, אַז דער פּראָפעסאָר באַסטיאַנס אירער קאָן פאַר מיר נישט זײַן אַפילו קיין שטרוי זיך אָנצוכאַפּן, כדי געראַטעוועט צו ווערן. וואָרעם פּראָפעסאָר באַסטיאַנס איז נישט געווען אין אוישוויץ, און אַפילו ווער ס'איז יאָ געווען אין אוישוויץ; ווייס נישט וואָס אוישוויץ באַטײַט. אויך נישט ווער ס'איז דאָרטן געווען גאַנצע צוויי יאָר, ווי איך. אוישוויץ איז אַן אַנדער פּלאַנעט, און מיר, מענטשן וואָס לעבן אויף דער דאָזיקער ערד, פאַרמאָגן נישט דעם שליסל צו דעם רעטעניש וואָס מיר רופן אוישוויץ.

ווי אַזוי קאָן איך פאַרשווערכן דעם בליק אין די אויגן פון די אַוועקגעגאַנגענע אין קרעמאַטאָריע? זיי זענען לעבן מיר פאַרבײַגעגאַנגען, זיי האָבן געוווסט וווהין זיי גייען און אויך איך האָב געוווסט וווהין זיי גייען. זייערע אויגן האָבן געקוקט צו מיר און מײַנע אויגן האָבן געקוקט צו זיי, אויגן פון אַוועקגייענדיקן און אויגן פון בלײַבנדיקן, אונטער שווײַגנדיקע הימלען איבער אונדז און אַ שווײַגנדיקער ערד אונטער אונדז. בלויז דער בליק אין די אויגן און לעצט שווײַגעניש. מע הערט אַפילו נישט זייערע טריט, וואָרעם זיי גייען באָרוועסע און נאַקעטע אין קרעמאַטאָריע.

צוויי יאָר נאָך אַנאַנד זענען זיי אַזוי פאַרבײַגעגאַנגען און מיר געקוקט אין די אויגן. און די צײַט דאָרטן, אויפן אוישוויץ־פּלאַנעט, איז נישט ווי די צײַט דאָ, אויף דער ערד. יעדע רגע דאָרטן ציט זיך איבער די ציין פון אַן אַנדער צײַטראָד.

די יאָרן פון שאול זענען לענגער ווי די ליכטיאָרן.

זיי האָבן מיך איבערגעלאָזט הינטער זיך און זייער בליק איז פאַרבליבן אין מײַנע אויגן. צי וועל איך נישט פאַרשווערכן אָט דעם בליק זייערן, אויב כ'וועל אים ברענגען אינעם פּסיכיאַטרישן אָפּטייל פון פּראָפעסאָר באַסטיאַנס אין לײַדן?

□

ס'זענען פאַרבײַ צוויי יאָר פון וויכוחים און פּרוּוון צו איבערצײַגן. ניקע איז אין עסלען, קאַליפאָרניע, מחמת איר דאָקטאָראַט, אָבער אויך פון דאָרטן הערט זי נישט אויף מיר צוצורעדן איך זאָל פאָרן צום פּראָפעסאָר באַסטיאַנס. זי האַלט מיר אין איין שיקן ביכער, אַלע אויף דער טעמע: ל.ס.ד.! איך קוק אַרײַן אין די דאָזיקע ביכער, אָבער איך זע בלויז אין זיי דעם צער פון מײַן פרוי. צו מאָל זענען די יסורים פון דײַנע נאָענטע שווערער אַריבערצוטראָגן ווי די אייגענע יסורים.

אויף דער וואַנט, איבער מײַן שרײַבטיש, הענגט שוין זיבן יאָרן אַ בילד, וואָס כ'האָב אַרויסגעשניטן פון אַ צײַטשריפט, און איצט קאָן איך פּלוצעם נישט אַראָפּנעמען אַן אויג פון אים. איך קוק אויף דעם ייִדן אין טלית־און־תפילין, מיט וועלכן דײַטשע האָפערדיקע זעלנערס האָבן זיך פאָטאָגראַפירט לשם אָנדענק. צום ערשטן מאָל דערזע איך ערשט איצט, אַז דער של־ראָש איז פונאַנדערגעשפּאָלטן ווי אַ „שין" און זעט אויס ווי אַ קרוין אויפן ייִדנס קאָפּ. מע קאָן זאָגן אַז ר'איז אין מײַנע יאָרן: באַלד וועט ער ליגן אַ צעשאָסענער אויף דער ערד, אין איין ריי מיט אַנדערע ייִדן, צופוסנס פון די האָפערדיקע קאַמעראַדן. אָבער נישט דער שאָס איז דאָ דער עיקר. דאָס קאָן איטלעכער זען אין אור־הגנוז וואָס שפּאַרט אַרויס פונעם ייִדנס פּנים. בלויז אין אוישוויץ האָב איך זוכה געווען צו זען פּנים־אל־פּנים אַזאַ מין אור־גנוז, אַזאַ מין ליכט — אין פאַרשלאָסענעם איזאָלאַציע־בלאָק, אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן־סקעלעטן; מיר האָבן געוואַרט די

קרעמאַטאָריע זאָל זיך פֿאַר אונדז אויסלייזיקן. כ'בין דעמאָלט געשטאַנען ענג געפּרעסט לעבן שיליווער רבי. אין געטאָ איז דער רבי געווען קעגן אַן אָפֿענער מרידה, וואָרעם אַזאַ מרידה קעגן די דײַטשן באַטײַט זיך נעמען דאָס לעבן. און אויף נעמען זיך דאָס לעבן איז פֿאַראַן אַ בפֿירושער איסור מן התורה.

בעתן וואַרטן אויף אונדזער ריי אין קרעמאַטאָריע, האָב איך אין די אויגן פֿון שיליווער רבי געזען אַזאַ אור־הגנוז.

כ'קאָן נישט אַראָפּנעמען אַן אויג פֿונעם ייִדן אויפֿן בילד. אַ סך מאָל בין איך געווען אין זײַן מצב, אָבער צו אַזאַ מין התעלות האָב איך נישט זוכה געווען. וואָרעם מיך פֿלעגט באַפֿאַלן אַ שרעק, און אַזאַ געטלעך ליכט נידערט נישט אַראָפּ אין אַ רגע פֿון שרעק. נאָר זע די רו וואָס שפּאַרט אַרויס פֿון זײַן פּנים! זע די אויגן, וואָס קוקן אַראָפּ אויפֿן אָרט ווו ער וועט באַלד פֿאַלן אַ געשאָסענער! זײַנע הענט זענען פֿאַרפֿלאָכטן און קיין מענטש וועט זיי נישט קאָנען אויסמאָלן, פּונקט ווי קיין מענטש וועט נישט קאָנען אויסמאָלן דאָס ליכט וואָס שפּאַרט אַרויס פֿון זײַנע באָרוועסע פֿיס.

□

איך קוק אויף דעם הויפֿן ביכער, וואָס ניקע האָט מיר צוגעשיקט פֿון קאַליפֿאָרניע; כ'האָב זיי אַלע געלייענט, אָבער קיין וואָרט האָט זיך נישט צוגעקלעפּט צו מיר. נאָר דורך אַלע ציט זיך ווי אַ רויטער פֿאָדעם דער געדאַנק, וואָס גיט מיר פּלוצעם אַ זעץ אין מוח: אָט איז דער פֿענצטער לעבן וועלכן איך שטיי; און אָט איז די וואַנט אין וועלכער דער פֿענצטער איז אַרײַנגעשטעלט — ביידע זענען כּלומרשט אַ פֿיזישע גרענעץ, וואָס מע קאָן נישט אַריבערגיין. פֿון דעסטוועגן קאָן איך קוקן דורכן פֿענצטער און זען וואָס עס טוט זיך אין דרויסן; נישט געקוקט אויף דער פֿיזישער גרענעץ צווישן מיר און דעם וואָס איך זע אין די ווײַטקייטן.

ל.ס.ד. איז, ווײַזט אויס, דער פֿענצטער, וואָס עפֿנט אונדזער ראיה־פֿעלד איבער דער גרענעץ, וואָס דער מוח האָט פֿאַר אונדז אוועקגעשטעלט, בתנאי אַז דו גענענסט צו אָט דעם סם, ווי צו אַן אורים־ותומים, ווי די כּוהנים־גדולים אין די קדמונישע טעמפּלען. ווער עס גענענט מיט ביטול צו אָט דעם סם, הויערט איבער אים די קללה פֿון די געטער.

און אַזוי, שטייענדיק בײַם פֿענצטער, בין איך דערגאַנגען ביזן שוועל פֿון דעת מסקנא: אפֿשר קאָן מען זען דורכן ל.ס.ד.־פֿענצטער וואָס עס טוט זיך פֿון יענער זײַט דעם פֿאָרהאַנג, וואָס די אָנמאַכטיקייט האָט אַראָפּגעלאָזט איבער מײַנע אויגן? אַנדערש גערעדט: צי איז פֿאַראַן אין ל.ס.ד.־קאָד דער שליסל צו מײַנע קאָשמאַרן? דאָס מיינט בײַ פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס.

□

פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס, אַ הויכער, ברייט־בייניקער, מיט אַ רונדיקן קאָפּ און קופּער־קאָלירטע האָר; זײַן קאַבינעט איז מאָסיוו; שנייער און היימיש, ווי ער גופֿא — אַרום און אַרום ווענט מיט ביכער, און צווישן זיי, אין אַ האָלענדישער איבערזעצונג, קוקן צו מיר אַרויס אויך מײַנע ביכער.

מיר זענען געזעסן, ניקע און איך, בײַ אַ רונדן טיש, אין מיטן קאַבינעט: „פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס — האָב איך געזאָגט — איך וויל ס'זאָל זײַן מלכתחילה קלאָר, אַז כ'בין צו אײַך נישט געקומען ווי אַ פּאַציענט, נײַערט ווײַל כ'האָב געהערט אַז איר פֿאַרמאָגט דעם שליסל צו אַ טויער, ווו איך וויל אַרײַנגיין. דעריבער בעט איך אײַך: עפֿנט מיר דעם טויער און לאָזט מיך, כ'בעט אײַך, אינעווייניק אַליין מיט זיך".





מער האָב איך נישט געזאָגט. כ'האָב אַ קוק געטאָן אין די גענייטע אויגן פֿון פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס און האָב געוווּסט: ר'האָט מיך גוט פֿאַרשטאַנען.

## ערשטער טויער

(טייפּ־רעקאָרדער): ל.ס.ד.־באַהאַנדלונג, מיסטער די־נור, אין מײַן קליניק, פּסיכיאַטריע־אָפּטייל, בײַם מלוכישן אוניווערסיטעט אין לײַדן, דעם 8טן יולי 1976.

פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס האָט געלאָזט אין גאַנג דעם טייפּ־רעקאָרדער בעת ער האָט געזאָגט די אַרײַנפֿיר־ווערטער. דער טאָג האָט געהאַלטן אין פֿאַרגיין און אין צימער איז געווען טונקל. כ'בין געלעגן אַ נאַקעטער אויף בעט און די קני האָבן מיר געציטערט. כ'האָב געוווּסט צוליב וואָס כ'בין געקומען קיין לײַדן, כ'האָב געוווּסט וואָס כ'וויל זען דאָ, אָבער — נאָר ממש אין דער לעצטער רגע איז מיך באַפֿאַלן אַזאַ פּחד, וואָס כ'האָב נישט געוווּסט דערפֿון אַפֿילו דעמאָלט און דאָרטן, ווו ס'איז דער מקור פֿון מײַנע קאָשמאַרן. פּלוצעם האָב איך געוואָלט שרײַען: „נאָך נישט, פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס! נאָך נישט!" — אַזוי שוידערלעך איז געווען דער פּחד פֿאַר דעם וואָס דאַרף זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקן.

נאָר אַנשטאָט דעם געשריי „נאָך נישט!" האָט זיך דורכגעריסן פֿון מײַנע אינעווייניקייטן דער שפּראַך פֿון הינטער די פֿיר אותיות: „א.דמ.ע.!" פֿון זיך אַליין האָט דאָס שטומע געשריי זיך דורכגעריסן. און ווי תּמיד, אין אוישוויץ, ווען כ'בין געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיטן טויט, איז דאָס שטומע געשריי דערגאַנגען בלויז ביז צו מײַנע פֿאַרקלעמטע ציינער, וואָס האָבן עס נישט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל. און דאָס איז טאַקע די פֿאַרבאָרגענע סגולה פֿון אָט דעם געשריי: ר'איז קיין מאָל נישט אַרויס מכּוח אל הפּועל, זיך קיין מאָל נישט אויסגעמישט מיט דער דרויסנדיקער לופֿט. ר'איז תּמיד געבליבן אינעווייניק, ווי אַן אײַנגעהאַלטענע פֿלאַם. דאָקטער מענגעלע האָט עס געזען אין מײַנע אויגן. זײַן פֿינגער האָט זיך נישט אַ הייב געטאָן, ווי אַ סימן צו די וואָס האָבן פֿאַרשריבן די נומערן: „אין קרעמאַטאָריע!" ר'איז, ווײַזט אויס, נשתּומם געוואָרן צו זען אַזאַ בליק אין די אויגן פֿון אַ מוזלמאַן־סקעלעט. הונדערטער נאַקעטע סקעלעטן זענען געשטאַנען הינטער מיר אין אַ ריי, און ביז דאָקטער מענגעלע האָט זיך אָנגעטשוכעט פֿון זײַן פֿאַרוווּנדערונג, האָבן מיך זײַנע געהילפֿן אַוועקגעשטופּט אין אַ זײַט. טיק־טאַק, טיק־טאַק, נישטאָ קיין צײַט. הונדערטער שטייען אין דער ריי.

צוויי יאָר אויפֿן פּלאַנעט וואָס הייסט אוישוויץ. אַן אַ שיעור סעלעקציעס, אַן אַ שיעור טויטן, און אַלע האָב איך איבערגעלעבט מיט אָט דעם שפּראַך־געשריי, וואָס באַהאַלט זיך הינטער די דאָזיקע פֿיר אותיות פֿון אונדזער אלף־בית. איך גלייב אַז דער כּוח פֿון אָט דעם שפּראַך האָט מיך געראַטעוועט פֿון אוישוויץ, און אין יאָר 1945, ווען כ'האָב געשריבן מײַן בוך סאַלאַמאַנדראַ, נאָך אַנגעטאָן אין די געשטרײַפֿטע תּכריכים פֿון אוישוויץ, האָט מײַן האַנט פֿון זיך אַליין פֿאַרצייכנט די אותיות „א.דמ.ע." לעבן טיטל פֿונעם בוך. פֿון דעמאָלט אָן זענען די דאָזיקע פֿיר אותיות פֿאַרשריבן אויפֿן ערשטן זײַטל, לעבן טיטל, פֿון אַלע מײַנע ביכער, אין אַלע שפּראַכן. פֿאַרלעגערס און לייענערס, פֿרײַנד און קריטיקערס, פֿרעגן מיך וואָס ס'איז דער פּירוש פֿון אָט די ראָשי־תּיבֿות,

און איך קאָן זיי נישט מסביר זײַן. צי וועט מיר עמעצער גלייבן, אַז כ׳וועל אים זאָגן אַז אָט די פֿיר אותיות האָבן מיך געהיט אין משך פֿון צוויי יאָר אויפֿן אוישוויץ־פּלאַנעט?

איצטער, ווען כ׳האָב דערזען דעם פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס מיט דער שפּריצאָוקע אין האַנט, בין איך ווידער געשטאַנען פֿאַר דער סכּנה: צי וועלן מיר סטײַען מײַנע כּוחות נאָך אַ מאָל צו זען דעם קאָשמאַר?

און פּלוצעם ------------------------------------------------------------

אַלע ליכטער האָבן זיך אָנגעצונדן. כ׳האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזעלכע ליכטער. זיי האָבן געליכטיקט אין מיר גופֿא, הינטער מײַנע אויגן. זיי האָבן מיך פֿאַרבלענדט פֿון אינעווייניק, און ווי אַ בת־קול פֿון הימל האָבן זיך כּאילו אַראָפּגעקײַקלט אין מײַנע אויערן די ווערטער:

„מיסטער די־נור, איר דאַרפֿט נישט ציטערן. דרייט אײַך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט, מיסטער די־נור״, — די ווערטער שטײַגן אַרויף צו מײַנע אויערן פֿון אינעווייניק, פֿון אַ פֿריִערדיקן גילגול.

כ׳בין פֿיר יאָר אַלט, זיץ צווישן די קינדער אין חדר. קוק אויפֿן רבין וואָס זיצט אויבנאָן בײַם טיש. ער לײַכט אין אַ פֿלואָרעסצענטיש פֿײַער און דערציילט פֿונעם חומש וועגן דעם ליכט פֿון די זיבן טעג. זײַן פּנים האַלט זיך אין איין בײַטן: באַלד ווי כ׳האָב אים פֿאַרגעדענקט, באַלד ווי דאָס פּנים פֿון דעם ייִדן אין טלית־און־תּפֿילין, אויפֿן בילד וואָס הענגט איבער מײַן שרײַבטיש. ווי נאָר זיי וועלן פֿאַרענדיקן אים פֿאָטאָגראַפֿירן, וועלן זיי אים אַרײַנשיסן אַ קויל אין נאַקן, נאָר איידער ער וועט אַנידערפֿאַלן לעבן די געשאָסענע, וואָס ליגן אויסגעשטרעקט אויף דער ערד אין אַ ריי, צינדן זיך אָן די הימלראַנדן און צעפֿלאַקערן זיך אין אַ מאָדנער בלאָער שײַן, וואָס כ׳האָב נאָך אַזאַ אין מײַן גאַנץ לעבן נישט געזען.

דעם רבינס פּיאות גלימצערן מיט אַ פֿאַרבלענדנדיק פֿאָספֿאָרירנדיק ליכט און מיר זענען דורכזעעוודיקע און שוועבנדיקע. איך זאָל נאָר ווערלן, קאָן איך זיך אויפֿהייבן איבער דער שײַן און אַוועקשוועבן מיט איר צו די הימלראַנדן. אָבער מיר איז גוט דאָ, אַנטקעגן רבין. עס נעמט מיך אַדורך אַן אומבאַשרײַבלעכע ווױלפֿיליקייט און כ׳האָב נישט מער קיין באַדערפֿעניש צו לאָזן זיך פֿליִען צו די ליכטער בײַם האָריזאָנט, וואָרעם זיי זענען דאָ און איך בין אין זיי. די ליכטער און די האָריזאָנטן שוועבן אַרום אונדז, בעת דער רבי איז ממשיך צו לייענען פּסוקים פֿון ספֿר־בראשית:

„...ויכולו השמים והארץ וכל צבאם״ —

און איך בין אויפֿגעקאָכט, כ׳זע די ווערטער, ווי זיי קומען אַרויס פֿון רבינס מויל. כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז מע קאָן זען ווערטער אויסגעפֿורעמטע פֿון קול. און די אותיות זענען פֿײַערקוילן, אַ שוואַרץ פֿײַער איבער אַ ווײַס פֿײַער.





אויפֿן קאָשטשושקאָ־פּלאַץ, אין מײַן געבוירן־שטאָט, איז געקומען אַ קונצן־מאַכער. מאַרישע, מײַן אָם, נעמט מיך אויף די הענט, כּדי איך זאָל בעסער זען. אַ סך מענטשן קוקן אויפֿן קונצן־מאַכער, ווי ער גיסט אַרײַן אין זיך אָן אַ שיעור וואַסער, דערנאָך שלינגט ער אַראָפּ אָן אַ צאָל זשאַבעס, און צום סוף ציט ער אַרויס פֿון צווישן זײַנע ליפּן איין זשאַבע נאָך דער אַנדערער, פֿאַר אַלעמען אין די אויגן. בײַם רבין קומען אָבער די ווערטער אַרויס פֿון זיך אַליין, און מיר זעען זיי אָן ער זאָל זיי אונדז ווײַזן. און די ווערטער גליִען אין שוואַרצע פֿײַערקוילן אויף ווײַסן פֿײַער.

„...ויכל אלוהים ביום השביעי —׳—״

פּלוצעם פֿאַרלעשן זיך אַלע ליכטער און איך דערשרעק זיך מער פֿון אַלעמען דערפֿאַר, ווײַל איך קאָן אָנטאַפּן דעם חושך. דער חושך איז אין מײַן מויל. איך פֿיל זײַן טעם. איך פֿיל דעם חושך אויפֿן גומען, ווי איך וואָלט געשלונגען חושך. איך זע נישט דעם רבין, אָבער כ׳ווייס אַז ער איז דאָרטן, אויף זײַן אָרט, און ער איז אויך אין מיר. און איך שרײַ:

„רבי! רבי! פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס איז אַזאַ חושך?״

„שאַ, שאַ. — הער איך דעם רבינס קול פֿון חושך וואָס איז אין מיר — ס׳איז אַ פֿאַרפֿינצטערניש!״

„פֿאַר וואָס אַ פֿאַרפֿינצטערניש, רבי?״

„ווײַל ס׳גייט אָן אַ מלחמה צווישן מענטש און שלאַנג״.

„פֿאַר וואָס אַ מלחמה, רבי?״

„ווײַל אַזוי איז מען גוזר געווען״.

„פֿאַר וואָס איז מען גוזר געווען? ווער איז גוזר געווען, רבי? ווער?״

„פֿרעג בײַ גאָט״.

„גאָט! גאָט!״

„וועמען זעט איר, מיסטער די־נור? וואָס זעט איר, מיסטער די־נור? זאָגט, דערציילט מיר — —״.

פֿון מרחקים דערטראָגט זיך זײַן קול צו מיר, צו מיר.

ס׳איז נישט פֿינצטער אין אוישוויצער דרויסן, אַ גרין־געדיכטע שײַן. די בלאָק־טויערן עפֿענען זיך און מיר פֿאַלן פֿון זיי אַרויס — ווי מיר זענען געפֿאַלן פֿריִער פֿון די וואַגאָנען אויף דער באַנראַמפּע פֿון אוישוויץ — ווײַל דער בלאָק איז אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן־סקעלעטן.

איך קוק אַרויף צו די אוישוויץ־הימלען און זע ווי ס׳טוט זיך אָפּ די אוישוויץ־נאַכט און לאָזט איבער די אוישוויץ־קאָלירן פֿאַר אַ נײַעם אוישוויץ־טאָג, וואָס קומט זי פֿאַרבײַטן. איך זע די טריט פֿונעם טאָג וואָס דערנענטערט זיך און זײַן פּנים זע איך, און איך זע די טריט פֿון דער נאַכט וואָס דערווײַטערט זיך הינטערווײַלעכץ,

און צווישן נישט־טאָג־און־נישט־נאַכט, שטייען די לאַסטאַויטאָס. זיי וואַרטן אויף אונדז אין פראָנט פון בלאָק, ביי די צוויי העלפטן פונעם טויער, וואָס האָבן זיך פאַר אונדז ברייט צעעפנט.

„רררראַוס! רררראַוס!"

די געשרייען פון די קאַפּאָס, בלאָקדינערס און בלאָקעלטסטע — „שנעל! שנעל!" — מאַכן אויף אונדז נישט מער קיין רושם. מיר גייען אַליין. איך זע אַ טייך פון סקעלעטן, אַ שטילע נאַקעטע מאַסע, וואָס גיסט זיך פון זיך אַליין אַרויס צו דעם שלונד פונעם לאַסטאַויטאָ, און איך צווישן אַלע. איך וויל בלויז אויפהייבן אַ ביסל דעם קאָפּ, שעפּן לופט. איך ווער דערוואָרגן, איך ווער דערטרונקען. לופט! לופט! לופט!

וואָס פילט איר, מיסטער די־נור? דערציילט מיר, מיסטער די־נור, דערציילט — — —

דאָס ווענטל פון לאַסטאַויטאָ איז אַראָפּגעלאָזט. מיר שטייגן פון זיך אַליין אַרויף אין לאַסטאַויטאָ, וואָס וועט אונדז פירן אין קרעמאַטאָריע. אַוודאי ווייסן מיר. נאָך איידער מיר זענען געוואָרן מוזלמענער האָבן מיר געזען די דאָזיקע לאַסטאַויטאָס און מיר האָבן געוווּסט וואָהין זיי פירן. דאָס מאָל זענען מיר די געפירטע. אַזוי איז דער סדר אויף אַט דעם פּלאַנעט. היינטערזייט פון נאַכט און פאָדערזייט פון טאָג. און די לאַסטאַויטאָס. און מיר. און אוישוויץ. און אין אונדז די קרעמאַטאָריע. ביז עס קומט די ריי. אַזוי איז דאָ דער דרך־הטבע.

דאָס ווענטל פון לאַסטאַויטאָ איז אַראָפּגעלאָזט און מיר שטייגן אַרויף מיט אייגענע כּוחות. דאָס אַרויפקריכן קומט אונדז אָן שווער, אָבער מיר סטאַרען זיך. איטלעכער קאָן זען אַז מיר סטאַרען זיך. פאַר וואָס זשע גוואַלדעווען די קאַפּאָס און די בלאָק־עלטסטע, פאַר וואָס פאָכען זיי מיט די שטעקנס? כ׳ווייס נישט צי אַנדערע פאַרשטייען פאַר וואָס, אָבער איך פאַרשטיי עס דאָס מאָל. די גוואַלדן און די שטעקנס זענען נישט כּדי אונטערצוטרייבן אונדז; מיט שטעקנס קאָן מען אונדז שוין נישט מער צואיילן. די גוואַלדן זענען פאַרן עס־עס־אָפיציר, וואָס מחמת די תקנות און די אָרדענונג, איז ער מחויב דאָ צו שטיין און אַכטונג געבן בעת דער לאַסטאַויטאָ מיטן חומר פאָרט אַרויס אין קרעמאַטאָריע.

פאַר וואָס גוואַלדעווען זיי און פאָכען מיט שטעקנס איבער אונדזערע קעפּ? וואָלט נישט בעסער געווען, ווען זיי שטרעקן אויס אַ האַנט און קומען צו הילף אַ סקעלעט, וואָס סטאַרעט זיך אַרויפצוקריכן אויפן לאַסטאַויטאָ, און עס קומט אים אָן שווער?

דאָס מאָל ווייס איך וואָס עס דאַרף פאָרקומען, וואָס מיט מיר וועט געשען, איך ווייס אַז כ׳וועל זיך אויסבאַהאַלטן אינעם קוילנקאַסטן, וואָס געפינט זיך טיף אין ריזיקן לאַסטאַויטאָ. דאָס מאָל ווייס איך אַלץ, איך ווייס בלויז נישט פאַר וואָס.





„רבי, פאַר וואָס!?"

מיט ביידע הענט קלאַמער איך זיך אין שיליווער רבי.

„זיי זיך מודה, רבי, אַז דער גאָט פון גלות אַליין וועט אַצינד אַרויפקריכן אין לאַסטאַויטאָ ווי אַ מוזלמאַן..."

איך זע גאָטס פּנים זיך באַהאַלטן אין אַ וואָלקן. און גאָטס פּנים איז ווי דאָס פּנים פונעם שיליווער רבי — מיט משוגעדיקע בלאָטערן. די הויט אויף זיין סקעלעט שיילט זיך און צעפאַלט זיך ווי טרוקענע ליסקעס פון האָלץ. איצט זע איך גוט די קאָלירן פון די ליסקעס: בלענדענישן פון גרין, ראָז און געל.

„וואָס האָסטו געזאָגט, מיין זון?" — האָט דער שיליווער רבי אויפגעהויבן זיינע אויגן.

„איך זאָג אַז אין די דאָזיקע ביינער וועט קיין מאָל מער נישט קומען קיין אָטעם. מיר האָבן געזינדיקט, שיליווער רבי. איר זענט געווען קעגן אַן אויפשטאַנד אין געטאָ. זייט זיך אַצינד מודה־ומתוודה: מיר האָבן געזינדיקט!"

„צי זעסטו נישט, מיין זון, ווי עס ראַנגלען זיך אַצינד יעקבֿ מיטן מלאך, אויסצולייזן אונדזערע ביינער? און אין דעם דאָזיקן געראַנגל זענען מיר דער גיד־הנשה! זיי שטאַרק, מיין זון, אין דער איצטיקער רגע!"

„פאַר וועמען, רבי, ראַנגלט זיך איצט יעקבֿ מיטן מלאך, אויב מע פירט זיינע קינדער אויף לאַסטאַויטאָס אין קרעמאַטאָריע? פאַר וועמען, רבי, פאַר וועמען?"

„רררראַוס! רררראַוס!!!"

אין דרויסן איז אוישוויץ אין גאַנצן אַנדערש ווי אוישוויץ וואָס כ׳האָב אַזוי גוט געקענט, ווי מיין אייגענעם סקעלעט. די עלעקטריזירטע שטעכדראָטן זעען אויס אַצינד ווי אונטער אַ מיקראָסקאָפּ, וואָס פאַרגרעסערט צען טויזנט מאָל איטלעכן שפּיץ. דער אוישוויצער פרימאָרגן איז אַ ממשותדיקער און איך ריר אים אָן מיט מיין האַנט. אַ מעטאַליק־בלאָ קאַבאַלטליכט. דער לאַסטאַויטאָ אויף וועלכן כ׳בין שוין אַ מאָל אַרויפגעקראָכן זעט איצטער אויס אַנדערש. כ׳זע אַצינד וואָס כ׳האָב דעמאָלט נישט געזען. פּונקט ווי דעמאָלט, העלף איך אויך אַצינד דעם שיליווער רבי זיך אַרויפדראַפּען אויפן לאַסטאַויטאָ, כּדי אַ קאַפּאָ זאָל אים נישט דערלאַנגען מיטן שטעקן איבערן קאָפּ. אָבער איצט איז דער רבי גרינג ווי אַ פעדער. כ׳האָב אַצינד אַזאַ געפיל, אַז כ׳וואָלט געקאָנט אויפהייבן דעם גאַנצן לאַסטאַויטאָ, מיט אַלע סקעלעטן, און זיך בתוכם. פּלוצעם ווייס איך וואָס קיינער אַרום מיר ווייס נישט, און איך שריי:

„רבי, פאַר וואָס?!"

„ווייל אַזוי איז מען גוזר געווען".

„רבי, ווער האָט גוזר געווען? ווער האָט גוזר געווען, רבי?!"

„פרעג ביי גאָט".

איך הייב אויף מײַנע אויגן צו די אוישוויץ־הימלען. בײַם האָריזאָנט דערזע איך די אויפֿשריפֿט „שיוויתי", ווי אין איטלעכער שול, איבערן עמוד, פֿאַרן בעל־תּפֿילה. אַגבֿ דער „שיוויתי" וואָס כ'האָב אים געקענט פֿון אונדזער שול זעט דאָ אויס אַנדערש, אויפֿן האָריזאָנט פֿון די אוישוויצער הימלען. דאָ ברענט ער ווי אַ שטורקאַץ, לײַכט מיט די קאָלירן פֿונעם רעגן־בויגן. אָבער דאָס אויסטערלישע איז, וואָס דאָס גאַנצע לײַכט זײַנס שײַנט אַרײַן אינעווייניק און אַרויף־צו. ווי גלײַך אוישוויץ און די הימלען זײַנען וואָלטן גאָר אויף דער וועלט נישט געווען, הגם דער „שיוויתי" פֿאַרפֿילט דעם גאַנצן האָריזאָנט, פֿון שטויב אויף דער ערד און ביז צו די הימל־ווײַטקייטן.

עס פֿאַלט אויף מיר אַ גוואַלדיקער פּחד. איך שטיי צונויפֿגעפּרעסט צווישן די סקעלעטן אין לאַסטאויטאָ און גלאָץ אויף די אותיות י־ה־ו־ה, וואָס לײַכטן אַרויס פֿון „שיוויתי" מיט אַ מין נישט־דאָ־וועלטיקן ליכט, און אויף די צוויי לייבן, פֿון לינקס און פֿון רעכטס, וואָס היטן צווישן זיך דעם סודותדיקן צירוף: „שיוויתי אדוני לנגדי תּמיד". דאָ האָבן זיי מענטשלעכע פּרצוף־פּנימער און אויסגעשפּרייטע פֿליגל. און די אותיות יוד־הא־וו־הא גיסן זיך צונויף און ווידמענען זיך איינס מיטן צווייטן, איינס איבערן צווייטן. און איך שרײַ:

„גאָט! גאָט! ווער האָט גוזר געווען?! גאָט! גאָט! ווּעמעס איז אוישוויץ?!"

אין ציטערניש הייב איך די אויגן, צו זען אין די אותיות גאָטס פּנים, און דערזע פֿאַר זיך דאָס פּנים פֿונעם עס־עס־מאַן וואָס שטייט אונטן לעבן לאַסטאויטאָ. ער איז נאָך פֿאַרשלאָפֿן. אַ קאַלטער פֿרימאָרגן, און ער האַלט די הענט אין די קעשענעס פֿון זײַן שוואַרצן מיליטערישן מאַנטל. פֿאַר זײַנע אויגן — דער שטילער טײַך פֿון סקעלעטן, וואָס שטראָמט פֿונעם בלאָקטויער אין לאַסטאויטאָ אַרײַן. און אָט עפֿנט ער ס'מויל און לאָזט אַרויס אַ לאַנגן גענעץ.

דער זעלביקער עס־עס־מאַן, דער זעלביקער גענעץ, דער זעלביקער פֿרימאָרגן — פּונקט ווי דעמאָלט, ווען כ'בין אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן לאַסטאויטאָ. נאָר דאָס מאָל זע איך אויך דעם „שיוויתי", וואָס כ'האָב דעמאָלט נישט געזען, און איך שרײַ:

„גאָט, ווער האָט באַשאַפֿן אוישוויץ?!"

איך שטיי אין דעם זיך־קאָלערנדיקן לאַסטאויטאָ, אַ נאַקעטער סקעלעט צווישן נאַקעטע סקעלעטן, וואָס דער פֿאַרגענעצטער דײַטש שיקט אַצינד אין קרעמאַטאָריע. איך קוק אויף אים און אויף זײַן גענעץ און פּלוצעם טו איך בײַ זיך אַ פֿרעג: צי האָט ער מיך פֿײַנט? ער קען מיך דאָך נישט אַפֿילו. ער ווייס אַפֿילו נישט ווי איך הייס. איך קוק אויף אים און פֿרעג ווײַטער בײַ זיך: צי האָב איך אים פֿײַנט? איך ווייס דאָך אַפֿילו נישט ווי ער הייסט, פּונקט





ווי איך ווייס נישט ווי עס הייסן אָט די אַלע וואָס מע פֿירט זיי אַצינד אין קרעמאַטאָריע. אַלץ וואָס איך ווייס וועגן אָט דעם דײַטש איז, אַז ער וויל מסתּמא אַצינד, אין אָט דעם קאַלטן פֿרימאָרגן, בלײַבן אין זײַן וואַרעמען בעט, נישט אויפֿשטיין פֿאַר טאָג, ווײַל אַן אָנגעלאָדענער לאַסטאויטאָ מיט חומר דאַרף אַרויספֿאָרן אין קרעמאַטאָריע.

אין דער זעלביקער רגע אײַ מיך באַפֿאַלן אַ שוידער, ווי נאָך קיין מאָל נישט אין מײַן לעבן: אויב אַזוי, האָב איך געטראַכט, האָט ער דאָך געקאָנט שטיין דאָ אויף מײַן אָרט, אַ נאַקעטער סקעלעט אין לאַסטאויטאָ, און איך, איך האָב זיך געקאָנט געפֿינען אויף זײַן אָרט, אין אַזאַ קאַלטן פֿרימאָרגן, כּדי צו שיקן אים און מיליאָנען זײַנס גלײַכן אין קרעמאַטאָריע — און פּונקט ווי ער, וואָלט איך געגענעצט, ווײַל כ'וואָלט גיכער געבליבן אין מײַן בעט אין אַזאַ קאַלטן פֿאַרטאָג.

און ער, פּונקט ווי איך אין אָט דער רגע, וואָלט אַרויסגעקוקט צו מיר פֿון דעם לאַסטאויטאָ, וואָס האַלט זיך אין דערווײַטערן?

צי וואָלט ער, דער עס־עס־מאַן, וועגן מיר געטראַכט ווי איך טראַכט אַצינד וועגן אים, ווען ער וואָלט געווען אַ מוזלמאַן?

אָ, דערבאַרעמדיקער גאָט, צי בין איך דער, וואָס האָט באַשאַפֿן אוישוויץ? וואָרעם נישט גענוג וואָס אָט דער דײַטש פֿאַר מײַנע אויגן, מיטן טויטנקאָפּ אויפֿן היטל און די הענט אַרײַנגעשטעקט אין שוואַרצן עס־עס־מאַנטל, האָט געקאָנט זײַן אויף מײַן אָרט, האָב איך — און דאָס איז שוידערהאַפֿטער פֿון אַלץ — געקאָנט זײַן אויף זײַן אָרט!?

אָ, גאָט, האַר פֿון די אוישוויצער הימלען! ווײַז אַרויס דײַן גנאָדיקייט צו מיר, דײַן באַשעפֿעניש, כּדי כ'זאָל וויסן ווער ס'איז דער, וואָס ווײנט אין מיר, און ווערט אַצינד געשיקט אין קרעמאַטאָריע — און פֿאַר וואָס? און ווער איז דער, וואָס וויינט אין אים, און שיקט מיך אין קרעמאַטאָריע — און פֿאַר וואָס? דו ווייסט דאָך, אַז אין אָט דער רגע זענען מיר ביידע, ער, וואָס שיקט מיך און איך, וואָס ווער געשיקט, גלײַכע ווי בני־אָדם, ווי דײַנע יצורים, באַשאַפֿענע בצלם־אלוהים.

דער לאַסטאויטאָ פֿאָרט אַדורך די אוישוויץ־טויערן מיט דער דײַטשער אויפֿשריפֿט: ARBEIT MACHT FREI און ווערט פֿאַרביטן מיט די לשון־קודש־אותיות: „בצלם אלוהים ברא אותו".

דער עס־עס־מאַן שטייט נאָך אַלץ פֿאַר מײַנע אויגן מיט זײַן פֿאַרגענעצטן פּנים. דער לאַסטאויטאָ פֿאָרט, דער „שיוויתי" ברענט אין זײַן קאָליריקייט, די אוישוויצער הימלען פֿלאַקערן, און דעם דײַטשס פּנים צייכנט זיך אויפֿן הינטערגרונט פֿון די אותיות יוד־הא־וו־הא. דער דײַטשער קאָפּ איבערן „שיוויתי" אַנטקעגן די פֿלאַמענדיקע אוישוויצער הימלען, און דער לאַסטאויטאָ פֿאָרט, און

אַז די שוידערלעכע זעונג פֿאָרט מיט מיר אין איינעם, נאָר די זעונג איז נישט קיין דרויסנדיקע, נײַערט אַן אינעווייניקסטע, הינטער מײַנע אויגאַפּלען, אין מיר.

און איך וווּנדער זיך: ווי אַזוי האַלטן עס די באַפֿליגלטע לייבן צווישן זיך דאָס פֿאַרגענעצטע פּנים פֿונעם דײַטש? און איך זע ווי אַט דער שוידערלעכער אָנבליק קומט אַרויף פֿון מײַן מוזלמאַן־סקעלעט צו מײַנע אויגן, כּדי איך זאָל אים זען פֿאַר זיך און ער זאָל מיך באַגלייטן ווי אויף אַ לוויה לענג־אויס דעם וועג צו דער קרעמאַטאָריע.

דער לאַסטאַויטאָ שטעלט זיך אָפּ און אויך די זעונג ווערט פֿאַרגליווערט, און דער קרעמאַטאָריע־קוימען זעט אויס ווי דער קוימען פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו אײַנגעשפּאַנט צו אַ וואַגאָן. רויכוואָלקנס און קאָליריקע פֿונקען — שפּליטערס פֿונעם פּסוק ב־צ־ל־ם א־ל־ו־ה־י־ם — רײַסן זיך אַרויס פֿונעם לאָקאָמאָטיוו־קוימען, ווי אַ רעגן פֿון הימל־שטערן, און דאָס קול פֿון לאָקאָמאָטיוו: פֿפֿפֿפֿום!.. און דאָס קול פֿון די דײַטשן: הררראַוס!.. רררראַוס!..

דאָס וועגטל פֿון לאַסטאַויטאָ לאָזט זיך אַראָפּ און די סקעלעטן פֿאַלן אַרויס. פּונקט ווי דעמאָלט פֿאַרקלעמען זיך מײַנע סקעלעטישע פֿינגער אין די וועגטלעך פֿון אויטאָ, כּדי כ׳זאָל זיך נישט אַרויסגליטשן אין איינעם מיט אַלע אַנדערע. דער לאַסטאַויטאָ ווערט אַלץ ליידיקער. און איך זוך דעם קוילנקאַסטן...

רררראַוס!..

א.דמ.ע!!! א.דמ.ע!!! — שרײַ איך צו דעם „שיוויתי״.

„רררראַוס!!!״ — שרײַען זיי צו די סקעלעטן.

„רררראַוס!״

א.דמ.ע!!! א.דמ.ע!!!

דעמאָלט, ווען כ׳בין געלעגן אין קוילנקאַסטן, האָב איך נישט געוווּסט אַז כ׳ליג דאָרטן. דעמאָלט האָב איך גאָרנישט געוווּסט. דעמאָלט האָב איך אויך נישט געזען דעם ברענענדיקן „שיוויתי״ אין די אותיות פֿון אלוהים. אפֿשר האָט עמעצער אינעווייניק אין מײַן סקעלעט אַלץ געזען, אָבער איך האָב נישט געזען גאָרנישט און נישט געוווּסט גאָרנישט. דאָס פּנים פֿונעם עס־עס־מאַן און זײַן געגעניץ האָב איך דעמאָלט דווקא יאָ געזען, נאָר כ׳האָב קיין צײַט נישט געהאַט צו טראַכטן וועגן אים און זײַן געגעניץ. פּונקט ווי כ׳האָב דעמאָלט קיין צײַט נישט געהאַט צו זען דעם „שיוויתי״ אויף די אוישוויצער הימלען, הגם ער איז בלי־ספֿק געווען דאָרטן אויך דעמאָלט. אַנישט, צו וועמען האָב איך דעמאָלט אויסגעשריגן „א.דמ.ע.״. צו וועמען?! דעמאָלט האָב איך קיין צײַט נישט געהאַט פֿאַר אַזעלכע מחשבֿות, ווײַל דעמאָלט האָט מען מיך געפֿירט מיטן לאַסטאַויטאָ אין קרעמאַטאָריע, און אַצינד בין איך אי דאָרטן אי דאָ. מײַן איצטיקער גוף טראָגט נישט אין זיך בלויז מײַן דעמאָלטיקן





סקעלעט; אויך דער לעצטער פֿונק, וואָס האָט זיך דעמאָלט נישט אויסגעלאָשן אין מוח געפֿינט זיך איצט אויף זײַן אָרט, און ער באַלײַכט טאַקע אין מיר אי דעם דעמאָלט און אי דעם איצט. איך זע אַצינד מײַן מוח פֿון אינעווייניק, זײַנע מיליע־מיליאָסן אַרכיוון און אין איטלעכן אַרכיוו, די מיליע־מיליאָסן טעקעס. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט דעמאָלט זען דאָס אַלץ, אַז פֿון די מיליאָסן איז אין מיר איבערגעבליבן בלויז איין־און־איינציקער פֿונק?

פּונקט ווי דעמאָלט, לײַכט אין מיר יענער לעצטער פֿונק אין דעם פֿאַרשלאָסענעם און פֿינצטערן גאַראַזש. איך קריך אַרויס פֿון קוילנקאַסטן, איך בין אין דרויסן. אַ פֿאַרמאַכטער אין גאַראַזש. כ׳בין פֿאַרחלשט, נישט טויט נישט לעבעדיק. דער שאָפֿער וואָס קומט צומאָרגנס אין גאַראַזש מיינט אַז כ׳בין אַ פֿאַנטאָם, ער לויפֿט אַ דערשראָקענער צו די קאָמענדאַנטן: אַ פֿאַנטאָם, אַ שד אין גאַראַזש! און דער קאָמענדאַנט שטייט אַ דערשראָקענער בײַם טויער פֿון גאַראַזש און שרײַט: „ווער ביסטו?! איך שיס!״

„כ׳בין אַ מענטש!.. אַ מענטש!.. אַ מענטש וואָס וויל לעבן!..

אַ מענטש! אַ מענטש! אַ מענטש!!!״

— — — — — — — — — —

— — אַן עלעקטרישער שאָק ברענגט מיך צוריק אַרײַן אין מײַן גוף, און כ׳קוק אַ פֿאַרגאַפֿטער אויף פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס, וואָס זיצט אין פֿאָטעל לעבן מײַן בעט.

כ׳בין געבאָדן אין שווייס. כ׳קוק אויף פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס. כ׳פֿיל נאָך זײַן פֿינגער, וואָס רירט אָן מײַנעם אַ פֿינגער. אָט דער אָנריר האָט אַקערשט עלעקטריזירט מײַן גוף און אים אויפֿגעוועקט אין אַ רגע פֿון סכּנה.

שפּעטער האָט פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס מיר דערקלערט, אַז טאַקע צוליב דעם זיצט ער לעבן מיר בעתן טראַנס: מיך צו היטן און אויפֿוועקן דווקא אין אַזאַ מין רגע פֿון קולמינאַציע. „וואָלט איך אײַך אַצינד נישט אויפֿגעוועקט — האָט ער געזאָגט — וואָלט איך אײַך מער נישט געקאָנט צוריקברענגען. איר וואָלט פֿאַרבליבן דאָרטן, אַ פֿאַרלאָרענער אויפֿן הפֿקר־שטח. איך מוז אײַך נאָכגיין אין אײַערע שוועבענישן, אײַך האַלטן צוגעבונדן צו מיר מיט אַ גאָר דינעם פֿאָדעם, און ווען איר קומט צו ממש צום עק פֿון אָט דעם פֿאָדעם אין מײַן האַנט, בין איך מחויבֿ אײַך צוריקצוברענגען, אַנישט קאָנט איר פֿאַרבלײַבן דאָרטן״.

אָבער דאָס מאָל האָב איך געהערט נאָך קלערער ווי דעמאָלט ווי דער דײַטשער קאָמענדאַנט האָט אַ זאָג געטאָן: „אויב ער האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער תּליה, וועל איך אים נישט הענגען נאָך אַ מאָל!״

פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זײַן פֿאָטעל: „איצט נייטיקט איר זיך אין אַ סך רו, אַ סך שלאָף. דערנאָך, אַז איר וועט קומען צו זיך, וועלן מיר זיצן און אַנאַליזירן די אויפֿגענומענע טאַשמע. אָט איז דער קנאָפּ פֿונעם גלעקל, די קראַנקן־שוועסטער וועלן אײַך דערלאַנגען אַלץ וואָס איר דאַרפֿט; בײַטן דאָס בעטגעוואַנט. אַ גוטע נאַכט, מיסטער די־נור״.

אָט די שוידערלעכע זעונג פֿאָרט מיט מיר אין איינעם, נאָר די זעונג איז נישט קיין דרויסנדיקע, נײַערט אַן אינעווייניקסטע, הינטער מײַנע אויגאַפּלען, אין מיר.

און איך וווּנדער זיך: ווי אַזוי האַלטן עס די באַפֿליגלטע לייבן צווישן זיך דאָס פֿאַרגענעצטע פּנים פֿונעם דײַטש? און איך זע ווי אָט דער שוידערלעכער אָנבליק קומט אַרויף פֿון מײַן מוזלמאַן־סקעלעט צו מײַנע אויגן, כּדי איך זאָל אים זען פֿאַר זיך און ער זאָל מיך באַגלייטן ווי אויף אַ לוויה לענג־אויס דעם וועג צו דער קרעמאַטאָריע.

דער לאָסטאָויטאָ שטעלט זיך אָפּ און אויך די זעונג ווערט פֿאַרגליווערט, און דער קרעמאַטאָריע־קוימען, זעט אויס ווי דער קוימען פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו אײַנגעשפּאַנט צו אַ וואַגאָן. רויכוואָלקנס און קאָליריקע פֿונקען — שפּליטערס פֿונעם פּסוק ב־צ־ל־ם א־ל־ו־ה־י־ם — רײַסן זיך אַרויס פֿונעם לאָקאָמאָטיוו־קוימען, ווי אַ רעגן פֿון הימל־שטערן, און דאָס קול פֿון לאָקאָמאָטיוו: פּפּפּפּום!.. און דאָס קול פֿון די דײַטשן: הרררראַוס!.. רררראַוס!..

דאָס וועגטל פֿון לאָסטאָויטאָ לאָזט זיך אַראָפּ און די סקעלעטן פֿאַלן אַרויס. פּונקט ווי דעמאָלט פֿאַרקלעמען זיך מײַנע סקעלעטישע פֿינגער אין די וועגטלעך פֿון אויטאָ, כּדי כ׳זאָל זיך נישט אַרויסגליטשן אין איינעם מיט אַלע אַנדערע. דער לאָסטאָויטאָ ווערט אַלץ לײדיקער. און איך זוך דעם קוילנקאַסטן...

רררראַוס!..

א.דמ.ע!!! א.דמ.ע!!! — שרײַ איך צו דעם „שיוויתי”.

„רררראַוס!!!” — שרײַען זיי צו די סקעלעטן.

„רררראַוס!”

א.דמ.ע!!! א.דמ.ע!!!

דעמאָלט, ווען כ׳בין געלעגן אין קוילנקאַסטן, האָב איך נישט געוווּסט אַז כ׳ליג דאָרטן. דעמאָלט האָב איך גאָרנישט געוווּסט. דעמאָלט האָב איך אויך נישט געזען דעם ברענענדיקן „שיוויתי” און די אותיות פֿון אלוהים. אפֿשר האָט עמעצער אינעווייניק אין מײַן סקעלעט אַלץ געזען, אָבער איך האָב נישט געזען גאָרנישט און נישט געוווּסט גאָרנישט. דאָס פּנים פֿונעם עס־עס־מאַן און זײַן גענעץ האָב איך דעמאָלט דווקא יאָ געזען, נאָר כ׳האָב קיין צײַט נישט געהאַט צו טראַכטן וועגן אים און זײַן גענעץ. פּונקט ווי כ׳האָב דעמאָלט קיין צײַט נישט געהאַט צו זען דעם „שיוויתי” אויף די אוישוויצער הימלען, הגם ער איז בלי־ספֿק געווען דאָרטן אויך דעמאָלט. אַנישט, צו ווען האָב איך דעמאָלט אויסגעשריען „א.דמ.ע.”. צו וועמען?! דעמאָלט האָב איך קיין צײַט נישט געהאַט פֿאַר אַזעלכע מחשבֿות, ווײַל דעמאָלט האָט מען מיך געפֿירט מיטן לאָסטאָויטאָ אין קרעמאַטאָריע, און אַצינד בין איך אי דאָרטן אי דאָ. מײַן איצטיקער גוף טראָגט נישט אין זיך בלויז מײַן דעמאָלטיקן





סקעלעט; אויך דער לעצטער פֿונק, וואָס האָט זיך דעמאָלט נישט אויסגעלאָשן אין מוח געפֿינט זיך איצט אויף זײַן אָרט, און ער באַלײַכט טאַקע אין מיר אי דעם דעמאָלט און אי דעם איצט. איך זע אַצינד מײַן מוח פֿון אינעווייניק, זײַנע מיליע־מיליאָסן אַרכיוון און אין איטלעכן אַרכיוו, די מיליע־מיליאָסן טעקעס. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט דעמאָלט זען דאָס אַלץ, אַז פֿון די מיליאָסן איז אין מיר איבערגעבליבן בלויז איין־און־איינציקער פֿונק?

פּונקט ווי דעמאָלט, לײַכט אין מיר יענער לעצטער פֿונק אין דעם פֿאַרשלאָסענעם און פֿינצטערן גאַראַזש. איך קריך אַרויס פֿון קוילנקאַסטן, איך בין אין דרויסן. אַ פֿאַרמאַכטער אין גאַראַזש. כ׳בין פֿאַרחלשט, נישט טויט נישט לעבעדיק. דער שאָפֿער וואָס קומט צומאָרגנס אין גאַראַזש מיינט אַז כ׳בין אַ פֿאַנטאָם. ער לויפֿט אַ דערשראָקענער צו די קאָמענדאַנטן: אַ פֿאַנטאָם, אַ שד אין גאַראַזש! און דער קאָמענדאַנט שטייט אַ דערשראָקענער בײַם טויער פֿון גאַראַזש און שרײַט: „ווער ביסטו?! איך שיס!”

„כ׳בין אַ מענטש!.. אַ מענטש!.. אַ מענטש וואָס וויל לעבן!..

אַ מענטש! אַ מענטש! אַ מענטש!!!”

— — — — — — — — — — —

— — אַן עלעקטרישער שאָק ברענגט מיך צוריק אַרײַן אין מײַן גוף, און כ׳קוק אַ פֿאַרגאַפֿטער אויף פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס, וואָס זיצט אין פֿאָטעל לעבן מײַן בעט.

כ׳בין געבאָדן אין שווייס. כ׳קוק אויף פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס. כ׳פֿיל נאָך זײַן פֿינגער, וואָס רירט אָן מײַנעם אַ פֿינגער. אָט דער אָנריר האָט אָקערשט עלעקטריזירט מײַן גוף און אים אויפֿגעוועקט אין אַ רגע פֿון סכּנה.

שפּעטער האָט פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס מיר דערקלערט, אַז טאַקע צוליב דעם זיצט ער לעבן מיר בעתן טראַנס: מיך צו היטן און אויפֿוועקן דווקא אין אַזאַ מין רגע פֿון קולמינאַציע. „וואָלט איך אײַך אַצינד נישט אויפֿגעוועקט — האָט ער געזאָגט — וואָלט איך אײַך מער נישט געקאָנט צוריקברענגען. איר וואָלט פֿאַרבליבן דאָרטן, אַ פֿאַרלאָרענער אויפֿן הפֿקר־שטח. איך מוז אײַך נאָכגיין אין אײַערע שוועבענישן, אײַך האַלטן צוגעבונדן צו מיר מיט אַ גאָר דינעם פֿאָדעם, און ווען איר קומט צו ממש צום עק פֿון אָט דעם פֿאָדעם אין מײַן האַנט, בין איך מחויבֿ אײַך צוריקצוברענגען, אַנישט קאָנט איר פֿאַרבלײַבן דאָרטן”.

אָבער דאָס מאָל האָב איך געהערט נאָך קלערער ווי דעמאָלט ווי דער דײַטשער קאָמענדאַנט האָט אַ זאָג געטאָן: „אויב ער האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער תּליה, וועל איך אים נישט הענגען נאָך אַ מאָל!”

פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זײַן פֿאָטעל: „איצט נייטיקט איר זיך אין אַ סך רו, אַ סך שלאָף. דערנאָך, אַז איר וועט קומען צו זיך, וועלן מיר זיצן און אַנאַליזירן די אויפֿגענומענע טאַשמע. אָט איז דער קנאָפּ פֿונעם גלעקל, די קראַנקן־שוועסטער וועלן אײַך דערלאַנגען אַלץ וואָס איר דאַרפֿט; בײַטן דאָס בעטגעוואַנט. אַ גוטע נאַכט, מיסטער די־נור”.

אַלץ וואָס כ'האָב איבערגעלעבט אין טראַנס, שטייט פֿון דאָס ניי פֿאַר מײַנע אויגן, לעבעדיק. אַ שטאַרקער פּראָזשעקטאָר באַלײַכט מיר דעם מוח, אָבער פֿאַרבלענדט מיך נישט. איך הער נאָך די ווערטער פֿונעם דײַטשן קאָמענדאַנט:

„אײַן בראַווער קערל! קאַפּאָ זעפּעל, נעם אים צו דער אַרבעט!"

קאָן איך, הייסט עס, זײַן איינציײַטיק אין אושוויצער גאַראַזש און דאָ, אויפֿן בעט, אין לײַדן.

„קאַפּאָ זעפּעל, נעם אים צו דער אַרבעט!" — די ווערטער הילכן אין מײַנע אויערן מיט ווידערקלאַנגען און אייבערקלאַנגען, ווי כ'וואָלט זיי איצטער געהערט.

וואָס כ'האָב איבערגעלעבט ביי דער אַרבעט ביים קאַפּאָ זעפּעל איז באַשריבן אין מײַן ערשטן עדות־בוך סאַלאַמאַנדראַ. אָבער צי בין איך טאַקע דער, וואָס האָט דאָס אַלץ באַשריבן? און צי בין איך טאַקע דער, וואָס ליגט אין בעט אין דער קליניק פֿון פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס? און צי בין איך דער, וועמען כ'האָב געזען הײַנטיקע נאַכט אין טראַנס? צי איז דער גוף וואָס כ'האָב געזען טאַקע מײַן גוף?

סאַלאַמאַנדראַ האָב איך באמת אָנגעשריבן מיט אָט די הענט מײַנע. אין משך פֿון צוויי אַ האַלב וואָכן האָב איך אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע בוך אין איטאַליע, בעת מײַן גוף איז נאָך געווען אײַנגעהילט אין די אושוויץ־תּכריכים. ס'איז געווען קלאָר, אַז קיין ארץ־ישׂראל וועל איך נישט אָנקומען: נישט בלויז די דאָקטוירים האָבן עס געזאָגט, נאָר כ'האָב אַליין אויך געוווּסט, אַז מײַנע טעג זענען געציילטע. כ'האָב געבעטן דעם ארץ־ישׂראלישן סאָלדאַט וואָס האָט זיך מיט מיר פֿאַרנומען:

„ברענג מיר, כ'בעט דיך, וואָס גיכער פּאַפּיר און אַ פֿעדער. כ'האָב געטאָן אַ נדר אין אושוויץ, ווען כ'בין געשטאַנען לעבן אַש הינטער דער קרעמאַטאָריע: ,איך שווער בײַ אײַער אַש צו זײַן אײַער קול: כ'וועל נישט אויפֿהערן צו דערציילן וועגן אײַך ביזן לעצטן אָטעם מײַנעם'. אָט די שבֿועה מוז איך מקיים זײַן ווי לאַנג עס שלאָגט נאָך אַן אָדער אין מיר".

כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט שרײַבן און צוויי אַ האַלב וואָכן האָב איך זיך פֿון אָרט נישט גערירט. כ'האָב איבערגעגעבן דעם כּתבֿ־יד יענעם סאָלדאַט, ער זאָל אים אַריבערפֿירן קיין ארץ־ישׂראל. ר'האָט געלייענט אויפֿן ערשטן בלעטל דעם נאָמען פֿונעם בוך, סאַלאַמאַנדראַ, האָט זיך צו מיר אַראָפּגעבויגן און געשעפּטשעט: דעם נאָמען פֿונעם מחבר האָסטו פֿאַרגעסן אָנצושרײַבן. כ'האָב אַ געשריי געטאָן: „דעם נאָמען פֿונעם מחבר?! זיי, וואָס זענען געגאַנגען אין קרעמאַטאָריע, האָבן געשריבן אָט דאָס בוך! פֿאַרשרײַב זייער נאָמען: ק. צעטניק". און דער ארץ־ישׂראלישער סאָלדאַט אליהו גאָלדנבערג האָט צוגעשריבן מיט זײַן האַנט דעם מחברס נאָמען: ק. צעטניק. פֿון דעמאָלט אָן זאָגט עדות אָט דער נאָמען אויף אַלע מײַנע ביכער.

איצט ליג איך אין בעט, אין דער קליניק פֿון פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס און די אימאַזשן בײַטן זיך ווי פּראָזשעקטירטע ליכטבילדער פֿאַר מײַנע אויגן.

„קאַפּאָ זעפּעל, נעם אים צו דער אַרבעט!.."

„כ'בין אַ מענטש!.. כ'בין אַ מענטש וואָס וויל לעבן!.."

„אײַן בראַווער קערל!"

„דעם נאָמען פֿונעם מחבר האָסטו פֿאַרגעסן אָנצושרײַבן אויפֿן כּתבֿ־יד..."

„זיי, די אָנגאָמענדיקע; זיי, זיי! די אומבאַקאַנטע! פֿאַרשרײַב זייער נאָמען: ק. צעטניק!.."

☐





אַ תּל־אָבֿיבֿער מיידל האָט געלייענט דאָס בוך און האָט אַ גאַנץ יאָר געזוכט דעם מחבר. זי האָט באַשלאָסן אויפֿצוזוכן אין אים פֿון דאָס ניי דעם חשק צו לעבן. מײַן אַדרעס איז דעמאָלט געווען אַ באַנק אויף שדרות־רוטשילד, בײַ נאַכט, און אַ באַנק בײַם ברעג פֿון ים — בײַ טאָג. דאָס מיידל האָט געהייסן — ניקע.

וואָס מאַכט זי איצטער, ניקע? זי האָט אַוודאי געקלונגען צו פּראָפֿעסאָר באַסטיאַנס און ער האָט איר געזאָגט, אַז אַצינד דאַרף איך שלאָפֿן. „אַ סך רוען" — האָט ער געזאָגט.

און איך זע איליאַ ערענבורגן אין מונדיר פֿון אַ מיליטערישן רעפּאָרטער אין דער רויטער אַרמיי, שטייט בײַ מײַן בעט אין מיליטערישן שפּיטאָל פֿון גלײַוויץ, און טרערן קײַקלען זיך אים פֿון די אויגן. פֿאַר דער מלחמה האָב איך צו אים נישט געהאַט קיין איבעריקע סימפּאַטיע. כ'האָב געהאַט געלייענט זײַן בוך לאַזיק רויטשוואַנץ. איצט קוקט ער אויף מיר ווי אויפֿן לעצטן ייִד וואָס איז געבליבן פֿון אושוויץ, אַ בינטל ביינער וואָס קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן; און איך זע אין אים דעם ערשטן ייִד נאָך אושוויץ: צוויי ייִדן האָבן זיך באַגעגנט. ער קוקט אויף מיר און פֿון זײַנע אויגן קײַקלען זיך טרערן — אויך מײַנע אויגן קוקן אויף אים און וויינען, אָבער קיין טרערן זענען אין זיי נישטאָ.

„ווען דער מחבר וויל מע זאָל וויסן זײַן נאָמען, וואָלט ער דאָך נישט געחתמעט מיט אַ פּסעוודאָנים" — האָט מען ניקען געענטפֿערט אין פֿאַרלאַג דביר. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט דערקלערן, אַז נישט איך האָב אָנגעשריבן אָט דאָס בוך; זיי, וואָס זענען געגאַנגען ווי אומבאַקאַנטע אין קרעמאַטאָריע, זיי האָבן דאָס בוך אָנגעשריבן! זיי, די אָנאָנימע צאָלן! צוויי יאָר נאָך אַנאַנד זענען זיי פֿאַר מיר פֿאַרבײַגעגאַנגען צו דער קרעמאַטאָריע און מיך איבערגעלאָזט הינטער זיי, צוויי יאָר נאָך אַנאַנד. אין משך פֿון צוויי אַ האַלב וואָכן האָב איך אָנגעשריבן דאָס בוך און אין דער הקדמה האָב איך צוגעגעבן: „דער טויט שטייט אַנטקעגן מיר און וואַרט. אין פֿאַרמעסט מיטן טויט האָב איך זיך געאײַלט, און וויפֿל כ'וועל באַווײַזן, וועל איך באַווײַזן".

אפֿשר נעמען אַ שלאָפֿמיטל? „אָט איז דער קנאָפּ פֿונעם גלעקל, די קראַנקן־שוועסטער וועלן אײַך דערלאַנגען אַלץ וואָס איר דאַרפֿט" — האָט געזאָגט דער פּראָפֿעסאָר. אויפֿן וועג פֿון אושוויץ בין איך אַרײַן אין געטאָ, וווּ כ'האָב געהאַט באַהאַלטן דניאלהס טאָגבוך. אַ ווײַסער שניי האָט צוגעדעקט די געטאָ און דער טויט האָט געשוויגן אין דער ווײַסער געטאָ. דער שניי האָט אַלץ פֿאַרדעקט. אויך אושוויץ וועט צוגעדעקט ווערן פֿון שניי און קיינער וועט נישט וויסן וואָס דאָרטן איז פֿאָרגעקומען.

אויפֿן וועג, אַרויס פֿון שפּיטאָל, בעתן פֿאַרבײַגיין אושוויץ, בין איך ווידער אַהין אַרײַן. די אײַזערנע טירן פֿונעם קרעמאַטאָריע־אויוון זענען געשטאַנען ברייט צעעפֿנטע, קאַלטע, און האָבן אַנטפּלעקט דעם פֿינצטערן שלונד. דער לאַנגער אײַזערנער שויפֿל, מיט וועלכן מע פֿלעגט אַרײַנרוקן די סקעלעטן, שטייט אַצינד אָנגעלענט לעבן אויוון ווי אַ שויפֿל אין אַ בעקערײַ. די בלאָקן זענען ליידיק און שטום. דער ציגל־אויוון לענג־אויס דעם בלאָק, פֿון טויער צו טויער, איז אויך שטום. בעת די דאָזיקע בלאָקן זענען געווען פֿערדשטאַלן, האָט מען געהייצט דעם אויוון. אין אושוויץ האָט מען אויף אָט דעם אויוון געשלאָגן די אסירים ביז טויט.

כ'בין געשטאַנען לעבן דער בוקסע וואָס אויף אירע ברעטער בין איך געלעגן. די ברעטער זענען ליידיק און פּוסט. דאָ איז געלעגן „בייבי", וואָס זײַן משונהדיקער טויט איז געווען אַ חידוש אַפֿילו אין אושוויץ. דאָ איז געלעגן וועווקע שוסטער, וואָס פֿראַנצל, דער בלאָקעלטסטער, האָט אים געהרגעט בײַם ציגל־אויוון מיט פֿינף און צוואַנציק שמיץ.

דאָ, אויף אָט די ברעטער, איז געלעגן דער שילערער רבי, וואָס איך האָב אים געהאָלפֿן אַרויפֿקריכן אויפֿן לאַסטאויטאָ, ווען מ'האָט אונדז געפֿירט אין קרעמאַטאָריע. אַלע זענען זיי אַצינד באַגראָבן אין מיר און זענען ממשיך צו לעבן אין מיר. כ'האָב געשווירן צו זייַן זייער קול, און ווען כ'בין אַרויס פֿון אוישוויץ זענען זיי מיטגעגאַנגען מיט מיר, זיי און די שטומע בלאָקן, און די שטומע קרעמאַטאָריע, און די שטומע האָריזאָנטן; און דער באַרג מיט אַש איז מיר פֿאַרויסגעגאַנגען מיר צו ווייַזן דעם וועג.

„שוועסטער! שוועסטער! — כ'האָב געקוועטשט דעם קנאָפּ פֿונעם גלעקל — אויב מייַן פֿרוי וועט קלינגען, זאָגט איר, כ'בעט אייַך, אַז כ'שלאָף נישט. זי מעג קומען צו מיר אויב זי וויל".

„זע ווו דו געפֿינסט זיך, דו געהערסט נישט אַהער — האָב איך ניקען געזאָגט, נאָך דעם ווי זי האָט מיך אָפּגעזוכט אין מייַן תּל־אָבֿיבֿער קעלער־שטיבל און געבעטן איך זאָל זי נעמען פֿאַר אַ ווייַב. — גיי, און קער זיך נישט אום אויף צוריק, זאָלסט נישט געניזוקט ווערן. דאָ אָטעמען די לונגען לופֿט פֿון ציקלאָן־גאַז. דאָ יאָמערט די ליבשאַפֿט דורך די נעכט, פֿון קרעמאַטאָריע־קוימענס. דאָ טראָגט דער ווינט אָן כּסדר אַש פֿון פֿיס, אַזעלכע הויכע שיינע פֿיס ווי דייַנע; אַש פֿון לייַבער, אַזעלכע שלאַנקע בליענדיקע ווי דייַן לייַב, אַש פֿון פּנימער ווי דייַן ליבלעך פּנים..."

„מיסטער די־נור, איר מוזט שלאָפֿן! — בייזערט זיך אויף מיר די קראַנקן־שוועסטער — אַצינד איז נישטאָ קיין שום ,מייַן פֿרוי', בלויז רו! שלינגט דאָס אַראָפּ מיט אַ סך וואַסער, מיסטער די־נור. אַזוי האָט באַפֿוילן דער פּראָפֿעסאָר. אַ גוטע נאַכט מיסטער די־נור".

און זי איז אַרויס פֿון צימער.

„אַצינד איז נישטאָ קיין שום ,מייַן פֿרוי'!" — אין מייַן קעלער־שטיבל, אין יענע ד'־אמות, האָב איך גענומען ניקען פֿאַר אַ ווייַב. זי האָט איבערגעלאָזט די דירה מיט די צען צימערן בייַ אירע עלטערן און איז געקומען וווינען מיט מיר אין מייַן ענגן קעלער־שטיבל.



בלומע לעמפּעל / ניו־יאָרק

# קדיש

(דערציילונג)

איך זיץ אויף דער פּריזבע, וווּ כ'בין אַ מאָל געזעסן, די ליימענע פּריזבע אָן דעם אָנלען פֿון אַ וואַנט. איך זע ניט די שטיינער, די צעבראָכענע ציגל, די נאַקעטע קוימענס, די שטילקייט נאָכן בראַנד.

איך זיץ אויף דער פּריזבע בייַם הויז וואָס געווען. איבער מיר — אַ קלאָרער הימל; אונטער די פֿיס — אַ גרונט־באַפֿעסטיקטע ערד. אויף אָט דער ערד איז אַ מאָל געשטאַנען אַ שטוב פֿון ליים, די ווענט געקאַלכט, און פֿון יענער זייַט פֿענצטער האָט גאָט געוואַכט...

איך זיץ אויף דער פּריזבע מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. כ'בין יונג און פֿאַרליבט אין אַלץ אַרום מיר. איך בין פֿאַרליבט אין טייַך, אין וואַלד וואָס באַזוימט דעם הימלראַנד. איך קוק אויפֿן הימל ווי אויף גאָטס פּריוואַטן גאָרטן. די שטערן, ווי בלומען וואָס בליִען אין די נעכט. איך זיץ און זינג פֿון ליבע און פֿאַרראַט. פֿאַרטאָן אין געזאַנג, זע איך ניט ווי די זון זינקט און ווערט צו נישט.

איך וואַרט, ניט־וויסנדיק, אויף דער יונגער לבֿנה, וואָס שאַרט זיך אַרויס פֿון וואַלד. ס'וואַרט אויף איר דער בלויער שטערן, געפֿאַנגען אין זייַן הימלישן געוועב. ער זינגט דאָס ליד וואָס כ'האָב אָקערשט געזונגען, אַ ליד אָן ווערטער, אַ חלום־ליד. איך דערצייל קיינעם ניט מייַנע נאַכטיקע אוואַנטורעס. איך האַלט די זוּנג פֿאַר מייַן פֿערזענלעכן סוד. איך האָב ליב די סודות פֿול מיט צוזאָג אין איטלעכן ניט־דערזאָגטן וואָרט.

זיץ איך אַזוי, אָפּגעזונדערט, דערווייַטערט פֿון יענער אייַנזאַמער פֿרוי, וואָס ליגט אויף אַ סאָפֿע, בייַ פֿאַרהאַנגענע פֿענצטער, און הערט דאָס רוישן פֿון אַטלאַנטישן אָקעאַן. זי זעט ניט די שיפֿן מיט די צעפֿלאַטערטע פֿאָנען. זי פֿילט זיך ווי אַ פֿרעמדע אין איר אייגענער היים.

איך זיץ אויף דער פּריזבע בייַם הויז וואָס געווען. קינדער שפּילן זיך אין גאַס. איך גיי פֿאַרבייַ זיי מיטן שטאָלץ פֿון אַ דערוואַקסענער, וואָס אײַלט מיט אירע פֿינעף גראָשן אויפֿן יאַריד. איך טראַכט וואָס מע קאָן קויפֿן אַלץ מיט די פֿאָר גראָשנס, אַלץ וואָס דאָס האַרץ גלוסט. איך קאָן קויפֿן אַ צוקערל וואָס שפּילט אויס אַ ניגון, אָדער אַ באַלעם וואָס שפּרינגט איבערן דאַך.

דער אויסקלייַב איז גרויס; שווער צו באַשליסן. כ'בין פֿריטשמעליעט פֿון דער שפֿע און דעם קאָכעניש אויפֿן יאַריד. דער מאַרקפּלאַץ איז פֿול מיט פֿערד און וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט אַל דאָס גוטס. ווער עס האַנדלט מיט פֿלאַקס און ווער מיט תּבֿואה. די ייִדישע געוועלבן זענען פֿול מיט קונים. היימישע בעל־מלאכות שטעלן אויס זייער האַנטגעוואַרק. עס גייט אָן אַ האַנדל צווישן ייִדן און גויים. מע דינגט זיך, מע קריגט